# יחודו

אין אידיש

גליון שבועי לעילוי אור הנשמה ע"פ משנת הבעש"ט הק' ותלמידיו

פרשת מקץ חנוכה תשפ"ו / גליון קס"א



0722 531 385

מערכת "קול דודי"

א וועלט פון ליכטיגע חסיד'ישע שמועסן

אין אמעריקע

605.313.6695

אין איידאפע

033.0551.7811

ספעציעלע ליכטיגע שיעורים

הארת זאת חנוכה

מיט חשובי המשפיעים שליט"א

אויף היכל המרכזי נומער 1


הלימוד היומי בספרי חסידות

לשבוע הבעל"ט

ספה"ק **מאור עינים** (כי תשא)

| יום | מד"ה |
| --- | --- |
| ראשון | ונקראים האותיות היכל |
| שני | ולכן אמרו רז"ל השומר |
| שלישי | ושמעתי ממורי |
| רביעי | ואמנם כל עבודתינו |
| חמישי | וכן בחול הוא בבחינת עד ד"ה וזהו כוונת רז"ל |

איינצושרייבן צו באקומען דעם חודש'ליכן קונטרס ביי אייך אינדערהיים, רופט 848-243-1624

## חסיד'יש גערעדט

א חסידי'שע דערהער פון די פרשה אויף למעשה

# לעבן מיט מסירת נפש

### מסירת נפש מיינט נישט בלויז צו 'שטארבן' אויף קידוש ה', נאר 'לעבן' אויף קידוש ה'! א איד גיבט זיך אוועק צו גלייכן אז דער אויבערשטער איז דער איינציגסטער אמת אויף דער וועלט!

זיצן זיך עטליכע אינגעלייט אין א חסיד'ישע חבורה און שמועסן איבער דעם ענין פון 'מסירות נפש'. דאס איז א נושא וואס האט צוטון מיט דער איצטיגער צייט, סיי וויבאלד עס איז די צייט פון חנוכה וואס די חשמונאים האבן זיך מוסר נפש געווען, און סיי ווייל עס איז אין דער צייט פון ז"ך כסלו ווען מען דערמאנט זיך דעם מסירת נפש פונעם הייליגן רבי'ן זי"ע. מען רעדט ארום איבער דעם געטליכן כח וואס עס ליגט אין יעדן אידן זיך צו מוסר נפש זיין פארן אויבערשטן - וויבאלד ער איז בעצם 'איינס' מיט אים.

ווי געוועגליך פארט דער שמועס ווייטער און ווייטער ביז מען קומט אן צום 'הלכה למעשה'. די חברים פרעגן: "נו, עס איז אלעס זייער שיין, אבער וואס האט עס מיט אונז?! ווען וועלן מיר דען אנקומען צו א געלעגנהייט מקיים צו זיין די מדה פון מסירות נפש?! און וויאזוי?!". איינער פון די חברים שטעלט זיך אויף און רופט אויס: "וואס הייסט ווען? יעצט! היינט! מארגן!".

יעדער הייבט ברעמען און וואונדערט זיך: וואס? וויאזוי איז שייך מסירת נפש היינטיגע צייטן?! מען לעבט דאך היינט אזוי באקוועם און מען לאזט אונז היטן אידישקייט אומגעשטערט?!

איין חבר פרעגט: "איך וויל בכלל פארשטיין, מען האט דא גערעדט אז אין חנוכה איז פארהאן צוויי ענינים, איין ענין פון 'מסירת נפש', און א צווייטער ענין פון 'אן אור וועלכע שיינט אפילו אין דער פינסטערניש און אין די נידריגסטע פלעצער וועלכע זענען למטה מעשרה טפחים'. וואס האבן די צוויי ענינים פון חנוכה א שייכות איינס מיטן צווייטן?!

## וואס איז געווען דער פלאן פון די חשמונאים?!

די ספרים הקדושים זענען מסביר (של"ה) אז די 'פכים קטנים' וואס יעקב אבינו איז צוריקגעגאנגען נעמען פונעם 'עבר הנחל' - איז א רמז אויפן קריגל פון די אויל פון חנוכה. און אזוי אויך זאגן די ספרים, אז דער גאנצער געראנגל וואס יעקב האט זיך געראנגלט מיט 'שרו של עשיו' - איז א רמז אויף דער מלחמה פון די חשמונאים מיט די יונים. דער 'זרע קודש' איז מסביר דעם גאנצן ענין מיט א ברייטערע הבנה (מיר ברענגען אראפ זיין לשון בקיצור - צוליב מאנגל אין פלאץ, עס איז כדאי צו לערנען זיין הייליג לשון אינעווייניג):

**"עִנְיַן הַנֵּרוֹת שֶׁאָנוּ מַדְלִיקִין בַּחֲנֻכָּה לְזֵכֶר הַנֵּר שֶׁהָיָה אָז, כְּדֵי לְעוֹרֵר אוֹר נִשְׁמָתֵנוּ נֵר ה' נִשְׁמַת אָדָם לְהִתְגַּבֵּר בַּעֲבוֹדָתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ, וּלְהִתְגַּבֵּר עַל הַיֵּצֶר הָרַע וְלָשׁוּב בִּתְשׁוּבָה, כְּמוֹ שֶׁהַחַשְׁמוֹנָאִים הַקְּדוֹשִׁים הִתְגַּבְּרוּ וּמָסְרוּ נַפְשָׁם עַל קִדּוּשׁ הַשֵּׁם. כִּי כֵּיוָן שֶׁהַיְּוָנִים הָיוּ גִּבּוֹרִים וְרַבִּים מֵהֶם, כְּמוֹ שֶׁאוֹמְרִים אָנוּ בְּהוֹדָאָה 'מָסַרְתָּ גִּבּוֹרִים בְּיַד חַלָּשִׁים וְרַבִּים בְּיַד מְעַטִּים', אִם כֵּן לֹא הָיָה בַּטֶּבַע שֶׁהַחַשְׁמוֹנָאִים יִתְגַּבְּרוּ עֲלֵיהֶם, וְאֵין סוֹמְכִין עַל הַנֵּס. אִם כֵּן וַדַּאי מָסְרוּ עַצְמָם עַל קְדֻשַּׁת הַשֵּׁם...**

**"וְכָל הַכֹּחַ הַקָּדוֹשׁ הַזֶּה הִנְחִיל לָנוּ יַעֲקֹב בְּהִתְאַבְּקוֹ עִם הַמַּלְאָךְ וּמָסַר נַפְשׁוֹ בִּשְׁבִיל קְדֻשָּׁתוֹ יִתְבָּרַךְ שְׁמוֹ. שֶׁהַמַּלְאָךְ שָׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו רָצָה לְהַפִּילוֹ לְאֵיזֶה מַחֲשָׁבָה וְכַדּוֹמֶה, שֶׁעַל יְדֵי זֶה יָבוֹא לִמְנִיעָה מֵעֲבוֹדַת השי"ת. אָכֵן יַעֲקֹב עָמַד בְּתָקְפּוֹ וּגְבוּרָתוֹ נֶגְדּוֹ".**

די חשמונאים האבן זיך מתגבר געווען קעגן די יונים מיט א מסירת נפש, וואס דעם כח האבן מיר באקומען א ירושה פון יעקב אבינו וואס ער האט זיך געראנגלט מיטן מלאך מיט מסירת נפש. אבער וועלכע מסירת נפש איז דארט געווען?! וואס האט דער מלאך געוואלט פון אים?!

## דער געראנגל: ווער איז בעל הבית אויף די נידריגע זאכן?!

איז דער 'זרע קודש' מסביר: **"זֶהוּ עַל דֶּרֶךְ שֶׁפֵּרַשְׁנוּ 'וְיָדוֹ אֹחֶזֶת בַּעֲקֵב עֵשָׂו', שֶׁיָּדוֹ לְשׁוֹן כֹּחַ, שֶׁכּוֹחוֹ שֶׁל יַעֲקֹב עֲבוֹדָתוֹ הָיָה אֲפִלּוּ בְּהַדְּבָרִים תַּחְתּוֹנִים מְאוֹד. וְזֶהוּ כָּל עֲבוֹדַת יַעֲקֹב אֵצֶל לָבָן, עֲבוֹדָתוֹ עֲבוּר שְׁנֵי בְּנוֹתָיו, וּמְלַאכְתּוֹ שֶׁהָיָה רוֹעֶה צֹאנוֹ, לְהָבִיא הַקְּדֻשָּׁה לְכָל הַדְּבָרִים הַתַּחְתּוֹנִים וּלְהַעֲלוֹתָן לְשָׁרְשָׁן. וְזֶהוּ הָיָה עִנְיַן הִתְאַבְּקוּת הַמַּלְאָךְ עִמּוֹ, שֶׁרָצָה לְהַפִּילוֹ בּוֹ וְלַהֲבִיאוֹ לְאֵיזֶה מַחֲשָׁבָה הַמּוֹנַעְתּוֹ. וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב 'וְיִגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ', שֶׁהַיָּרֵךְ הוּא הַדָּבָר הַתַּחְתּוֹן, רוֹמֵז שֶׁשָּׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו שׁוֹלֵט שָׁם. וְזֶהוּ הָיָה הִתְאַבְּקוּת בְּהִתְגַּבְּרוּת כּוֹחוֹ אֲשֶׁר שָׁם בַּדְּבָרִים הַגַּשְׁמִיִּים הַתַּחְתּוֹנִים, לְבַטֵּל שָׁם אֶת יַעֲקֹב מֵעֲבוֹדָתוֹ בְּהַדְּבָרִים גַּשְׁמִיִּים".** דער מלאך האט געוואלט זאגן איין זאך: דיין פוס, דאס באלאנגט פאר מיר! דארט בין איך בעל הבית! דארט וועסטו נישט קענען טרעפן דעם אויבערשטן! און טאקע פונקט דא קומט אריין די מדה פון מסירת נפש וואס יעקב אבינו האט - "וידו אוחזת **בעקב** עשו" - אז ער באזיגט דעם 'שר של עשו' אויך אין די פיס!

אין אנדערע ווערטער: מסירת נפש מיינט נישט בלויז

## וואס איז געשען צום סוף?! עס זענען אנגעקומען קיין אמעריקע 'מסירות נפש אידן' און זיי האבן אויסגערופן אז ניין! אויך דא איז 'לית אתר פנוי מיניה'!

צו 'שטארבן' אויף קידוש ה', נאר פארקערט, רוב מאל מיינט מסירת נפש צו 'לעבן' אויף קידוש ה'! מסירת נפש מיינט בעיקר דאס וואס א איד גיבט זיך אוועק צו גלייבן אז דער אויבערשטער איז דער איינציגסטער אמת אויף דער וועלט! איך האב נישט קיין אייגענע חיות פאר מיר! און דעריבער, טאמער וועט זיך אויספעלן - וועל איך זיך מוסר נפש זיין פאר אים, ווייל עס איז דאך נישטא קיינער אויסער אים! אבער אין דעם ליגט אודאי אויך דער קלענערער מאס פון מסירת נפש, אז איך וועל שטענדיג אוועקגעבן אלע מיינע גשמיות'דיגע זאכן פאר אים, ווייל עס איז דאך נישטא גארנישט אויסער אים! עס איז נישטא קיין שום פלאץ, צייט און מצב וואס איך געפין זיך דארט פאר מיר אליינס! ווייל מיין גאנצער 'איך' - מיין עצם עקזיסטענץ, מיין חיות און מציאות - איז אלעס 'ער'! "אין עוד מלבדו".

אט דאס באקומען מיר חנוכה: א מסירת נפש אפילו אין די גשמיות'דיגע ענינים. **"כְּבָר אָמַרְנוּ שֶׁזֶּהוּ עִנְיַן חֲנֻכָּה, לְהַמְשִׁיךְ אוֹר לְמַטָּה מֵעֲשָׂרָה לִמְקוֹם אֲחִיזַת הַקְּלִפּוֹת וּלְהַכְנִיעָם שָׁם. וְזֶהוּ שֶׁכָּתוּב בִּסְפָרִים שֶׁחָזַר עַל פַּכִּים קְטַנִּים שֶׁל חֲנֻכָּה,**

המשך אין עמוד ב


הפצת הגליון בק"ק וויען נתנדב ע"י

חלק מהוצאות הגליון

נדבת ידידנו הנכבד

הרב מנחם מענדל מאסקאוויטש שליט"א

לרגל שמחתו בהולדת בנו למזל טוב

בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנו רוב נחת דקדושה

חלק מהוצאות הגליון

נדבת ידידנו הנכבד

הרה"ח ר' אברהם מרדכי בורגער שליט"א

לרגל שמחתו בהולדת בתו למזל טוב

בזכות מרן הבעש"ט הק' זי"ע ירווה ממנה רוב נחת דקדושה

# דער עומק פון טבע

## וויאזוי געבט אונז די אור פון חנוכה א פולקאם אנדערע בליק אויף נסיונות? • וואספארא אור האבן צדיקים מגלה געווען ווען זיי האבן געפראוועט וואונדערליכע מופתים?

ס'איז דא א באקאנטע קשיא פון רבי חיים בריסקער זי"ע אויפן נס פונעם פך שמן טהור: אויב די פך שמן איז געווען גענוג פאר בלויז איין טאג, בשעת די שמן וואס האט געברענט פאר די איבריגע טעג איז געווען 'נסים'דיגע שמן', וויאזוי האט מען געקענט יוצא זיין דערמיט; די מנורה דארף דאך זיין פון שמן זית, נישט שמן נס? דער אויבערשטער איז דאך מקיים די תורה, וויאזוי האט ער געקענט צופירן אז מ'זאל צינדן מיט אויל וואס איז נישט כשר על פי תורה?

### א

## א תירוץ מיט א עומק

עס ווערט געברענגט פון ספרים הק' צו פארענטפערן די קשיא מיט איינע פונם בית יוסף'ס תירוצים אויף זיין אלעמען באקאנטע קשיא: פארוואס האלט מען אכט טעג חנוכה, ווען דער נס מיטן שמן איז בלויז געווען פאר זיבן טעג וויבאלד אינעם ערשטן טאג האבן נאך די ליכט געהאט צו ברענען בדרך הטבע? און איינס פון די תירוצים וואס דער בית יוסף שרייבט איז, אז די געווענליכע מאס ווי לאנג ס'נעמט פאר א ליכט זיך אויסצוברענען במשך איין טאג, האט דאסמאל גענומען גאנצע אכט טעג.

לויט דעם קומט אויס אז די אויל וואס האט געברענט במשך אכט טעג איז נישט געווען קיין 'שמן נס', ווייל די געווענליכע אויל האט זיך נישט פארמערט צי וואס, נאר ס'האט פשוט גדויערט לענגער אויסצוברענען!

אפשר הערט זיך עס ווי א פשוט'ע תירוץ, אבער אין אמת'ן אריין פארקערפערט עס אין זיך דעם גאנצן אור פון חנוכה, ווי מיר וועלן אויסשמועסן.

**דער גילוי פון חנוכה איז, אז די טבע האט אן עומק אין זיך. די טבע אליינס ענטהאלט א כח אלוקי, וויבאלד אור אין סוף באהאלט זיך דערין**

דער נס פון חנוכה איז געווען, אז ס'איז נתגלה געווארן וויאזוי די טבע אליינס האט אין זיך א באהאלטענער כח אלוקי וואס קומט צומאל ארויס אפילו אין למעלה מן הטבע. די זעלבע מאס אויל האט האט געברענט לענגער ווי אירע געווענליכע כוחות, אבער די שמן אליינס האט געברענט. ס'איז נישט אראפגעקומען קיין פרישע שמן פון הימל, נאר טאקע די שמן וואס ס'איז געווען בטבע - האט געארבעט העכער די טבע.

די גילוי פון חנוכה איז נישט אז דער אויבערשטער איז למעלה מן הטבע און ער קען פארדרייען אלע מערכות הטבע, ווייל די סארט גילוי איז שוין אנטדעקט געווארן אום פסח, ווען פרעה האט געזאגט "לא ידעתי את ה'" און ער האט כופר געווען אין יעדע מציאות וואס איז העכער די טבע, וואס דאן האט השי"ת געוויזן פאר די גאנצע וועלט דורך די צען וואונדערליכע מכות אז ער איז דער שליט בעליונים ובתחתונים און ער קען טון מיט זיי וואס ער וויל.

חנוכה איז אויך נישט קיין זמן פון גילוי אז די הנהגת הטבע איז בלויז געוואנדן אין רצון ה', און אז דעריבער באטרעפט הטב"ע די גימטריא פון שם אלקים, היות די גאנצע טבע טוט שטענדיג דינען רצון ה' אויף א באהאלטענעם אופן. וואס די זמן פון די סארט גילוי איז בעיקר פורים.

די אייגנארטיגע גילוי פון חנוכה איז, אז די טבע האט אן **עומק** אין זיך. די טבע אליינס ענטהאלט א כח אלוקי, וויבאלד אור אין סוף באהאלט זיך דערין. און דעריבער, צומאל קען די טבע אליינס מגלה זיין איר באהאלטענער כח און פונקציאנירן למעלה מדרך הטבע.

אט דער כח אלקי אין טבע רופט זיך 'אור הגנוז' - אזויווי די פשוט'ע טייטשט פונעם ווארט; די 'אור' וואס איז 'באהאלטן' אין טבע.

### ב

## וויאזוי פראוועט מען מופתים?

ווען דער בית המקדש איז געשטאנען איז געווען איין ארט וואו דער כח וואס ליגט אין טבע איז געווען בהתגלות: אין קודש הקדשים, ווען דער פלאץ אויף וואס דער ארון איז געשטאנען האט נישט פארנומען קיין גשמיות'דיגע שטח, און דערביי איז אינערהאלב די גרעניצן פון טבע נתגלה געווארן אן ענדלאזע כח אלוקי.

דאס איז די 'אור הגנוז' וואס גייט נתגלה ווערן לעתיד לבוא. ווען משיח וועט קומען גייט נתגלה ווערן וויאזוי די טבע אליינס איז געטליך און העכער טבע. און יעדער איינער פון אונז וועט קענען זען 'מסוף העולם ועד סופו' אזויווי אמאליגע צדיקים האבן געקענט, ווען דער כח אלקי וואס געפינט זיך אין די טבע וועט נתגלה ווערן. (ווי באקאנט פון 'תולדות' אויף די משנה אין אבות [פ"ב מ"א] עין רואה וכו').

און ביי צדיקים טוט די אור הגנוז שיינען אויך היינטיגע צייטן. דער רבי זכרונו לברכה אין 'ליקוטי תורה - דברי אמונה' ברענגט א קשיא אויפן בעל שם טוב הק' זי"ע און זיינע הייליגע תלמידים, וואס האבן גע'פועל'ט אפענע מופתים און געטוישט די דרכי הטבע ווען אימער זיי האבן אזוי פארשטאנען: חז"ל שרייבן דאך אז דער פאר וועמען מ'מאכט א נס איז "מנכין לו מזכיותיו"?

ענטפערט דארט דער רבי א מורא'דיגע חידוש: דאס וואס חז"ל זאגן 'מנכין מזכיותיו' איז נאר פאר איינער וואס זעט א חילוק צווישן טבע און דאס וואס איז העכער טבע, אבער איינער וואס גלייבט און ווייסט מיט א קלארקייט אז אויך די טבע אליינס איז למעלה מדרך הטבע, ווייל עס האט גארנישט קיין אייגענע כח - אויף אים האבן חז"ל נישט גערעדט. און דעריבער האט דער בעש"ט מיט זיינע תלמידים, ביי וועמען די אור הגנוז אין טבע האט געשיינט און געלויכטן, און זיי האבן קלאר אנערקענט אז טבע אליינס איז למעלה מן הטבע - האבן נישט געהאט קיין שום אפהאלט צו באווייזן אותות און מופתים!

און דאס ווארפט אויך א ליכטיגקייט אויף די מעשה וואס ווערט געברענגט אין גמרא אויף רבי חנינא בן דוסא, אז זיין טאכטער האט בטעות אנגעגרייט די נרות שבת מיט עסיג אנשטאט אויל, און ווען רבי חנינא האט באמערקט איר טעות האט ער איר בארואיגט: "מי שאמר לשמן וידלוק יאמר לחומץ וידלוק". די עומק אין רבי חנינא'ס ווערטער איז ווי געזאגט, ער האט גע'טענה'ט פאר זיין טאכטער: וואס איז א חילוק? פונקט ווי ס'איז דא א הנהגה טבעית אין טבע אז שמן ברענט, אט די זעלבע טבע האט נאך א טבע וואס איז 'העכער טבע', און די עסיג קען ברענען פונקט ווי אויל ברענט - און די עסיג האט ווירקליך געברענט!

### ג

## ווען מ'קען אויפהערן דעם שפיל

# חסיד'יש גערעדט / המשך

המשך פון עמוד א

לְהַמְשִׁיךְ שֵׁם הַבְּרָכָה מִמְּקוֹר עֶלְיוֹן לְהַדְּבָרִים קְטַנִּים גַּשְׁמִיִּים, לְנַצֵּחַ שָׁם **אֶת הַשָּׂטָן הַיֵּצֶר הָרַע. וְעַל זֶה בָּא שָׂרוֹ שֶׁל עֵשָׂו וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ הנ"ל. וּבְדֶרֶךְ זֶה מוּבָן מַה שֶּׁכָּתְבוּ בַּסְּפָרִים 'וַיִּגַּע בְּכַף יְרֵכוֹ עַל נֶצַח', וְשֶׁהַחַשְׁמוֹנָאִים תִּקְנוּ זֶה - הַכֹּל מוֹרֶה עַל עִנְיַן נִצּוּחַ הַיֵּצֶר הָרַע בִּדְבָרִים גַּשְׁמִיִּים, לַעֲבֹד גַּם בָּהֶם אֶת הַשי"ת, וְכָל זֶה הַכֹּחַ הִנְחִיל יַעֲקֹב".**

אין די פריערדיגע יארן אין אמעריקע, זענען ליידער צוגרונד געגאנגען מיליאנען אידן רחמנא ליצלן, און אלץ מיט דער טענה אז אין אמעריקע קען מען נישט זיין קיין איד חס ושלום! אמעריקע באלאנגט צום שרו של עשיו... און אינ'אמת'ן דארפן מיר נישט גיין אזוי ווייט, יעדער איינער פון אונז האט זיך זיין 'פריוואטער' אמעריקע, צי איז דאס ביים עסן און טרינקען, צי איז דאס ביים האנדלען און וואנדלען, צי ביי אנדערע ענינים - וואס דארטן שפירט ער אז 'ויגע בכף ירכו', דאס באלאנגט צום שרו של עשיו חס ושלום! דא קען מען נישט לעבן מיטן אויבערשטן!

וואס איז געשען צום סוף?! עס זענען אנגעקומען קיין אמעריקע 'מסירות נפש אידן' און זיי האבן אויסגערופן אז ניין! אויך דא איז 'לית אתר פנוי מיניה'! דער אויבערשטער איז דא! מען קען און מען מוז לעבן מיט אים - אויך אין אמעריקע!

חנוכה באקומען מיר אויך דעם זעלביגן כח פון מסירות נפש אויף 'אונזער' אמעריקע... מיר באקומען א כח צו לעבן מיט מסירת נפש. אזא סארט מסירת נפש וואס איז נישט בלויז א גרייטקייט צו 'שטארבן' פארן אויבערשטן - וואס צו דעם האט אויך בלעם הרשע מסכים געווען - נאר עס איז א גרייטקייט צו 'לעבן' פארן אויבערשטן.

אין אמת'ן אריין, צדיקים אזויווי תלמידי בעש"ט הק' און רבי חנינא בן דוסא, וואס די מציאות פון אור הגנוז אין טבע איז זיי געשטאנען פאר די אויגן, האבן נישט געדארפט אטעמען, עסן און שלאפן כדי צו לעבן, זייענדיג פולשטענדיג באהאפטן צום אור הגנוז אין טבע וואס האט נישט קיין גרעניצן. דער אמת איז, אז די סיבה פארוואס זיי האבן געאטעמט, געגעסן, געשלאפן און נישט וועכנטליך אנגעצינדן די נרות שבת מיט עסיג אויסער אין אויסנאמליכע מצבים איז, ווייל רצון ה' איז אז די אור בתוך הטבע זאל זיין בהסתרה, אבער אייגנטליך האבן זיי בכלל נישט געדארפט צוקומען דערצו.

אין אנדערע, עטוואס שארפע ווערטער: די טבע איז נישט מער ווי איין גרויסע 'פורים-שפיל', וואס דער אויבערשטער האט אן ענין אז ס'זאל אנגיין, און ער יתברך האט עס באשאפן בכבודו ובעצמו, היות ער איז יעדע סעקונדע מחיה און מהווה יעדע דעטאל פון די גאנצע בריאה, אריינגערעכנט דער הסתר זעלבסט, און ער וויקלט ארום אט די חיות אלקית מיט א געדיכטע שלייער וואס שאפט די מעגליכקייט אז דו זאלסט טראכטן פאר א סעקונדע אז ס'איז דא טבע, און ער פארלאנגט פון אונז, זיינע ליבע קינדער, אז מיר זאלן לעבן לויט די 'פארשריפטן' פון דעם 'שפיל', און מיר זאלן צופאסן אונזער התנהגות לויט די גדרים פון טבע, אבער מיט א קלארע ידיעה אז מיר זענען נישט מער ווי שפילערס...

און דעריבער, איינמאל די צדיקים האבן דערזען א געלעגנהייט ווען זיי זענען געווען פטור פון די מצוה זיך אומצוגיין לויט די כללים פון טבע, צום ביישפיל אין א פאל פון א צורך מצוה אדער קידוש שם שמים, האבן זיי אויפגעהערט צו 'מיטשפילן' מיט די הסתר פון טבע, און זיי האבן זיך געפירט לויטן רצון ה' אן קיין שום הגבלות.

אזוי איז אויך געווען ביי די הייליגע חשמונאים. ווען זיי וואלטן געהאט א מעכטיגע ארמיי פון טויזנטער סאלדאטן און זיי וואלטן געזאגט 'וואס האבן מיר פון די פאלשע הסתר פון טבע? ס'איז דאך אין עוד מלבדו!', און זיי וואלטן פארלאזט דאס מיליטער און געגאנגען קעמפן אליינס, וואלט דאס געווען אנקעגן דעם רצון ה', ווייל דער אויבערשטער וויל אז מ'זאל זיך פירן לויט די כללי הטבע.

אבער ווי נאר זיי האבן זיך געטראפן מיט א פאמיליע מיליטער פון דרייצן סאלדאטן, און עס איז זיי קלאר געווען אז על פי תורה איז יעצט א שעת השמד און מ'איז פטור פון זיך צו פירן לויט די כללי הטבע, זענען זיי ארויס אין קריג מיט אומבויגזאמע בטחון. ווייל טבע איז דאך נישט מער ווי אהערשטעלן א פאלשע געזיכט, און איר גאנצע כח און הנהגה באשטייט יעדע סעקונדע פון דעם אור אין סוף וואס איז גנוז אין איר. און ווי פארשטענדליך האבן זיי געזיגט אין קריג, און זיי האבן מגלה געווען דעם אמת פון טבע פאר די גאנצע וועלט.

## ד
# 'אור הגנוז' אויף למעשה

אט דער כח צו לעבן מיטן אור הגנוז איז איינגעווארצלט אין יעדער איינער פון אונז, און יעדעס יאר אין די צייט ווערט עס פריש פארשטערקערט, ווען דער כח פון די חשמונאים ווערט צוריק נתעורר, און ס'געבט אונז כח צו אנערקענען די נישטיגקייט פון די 'שפיל' פון טבע און ס'ערלויבט אונז זיך צו מתחבר זיין צו איר אמת'ע עומק.

א איד וואס האט גוט איינגעזאפט די אור פון חנוכה אין זיך, ווען אימער ס'מאכט זיך אים א נסיון אין חיי המעשה קוקט ער דערויף מיט גאר אן אנדערע בליק.

צום ביישפיל: ווען מ'שלאגט אים פאר צוויי ארבעט פאזיציעס וואס ביי איינס קען ער פארדינען א פעטע געהאלט וואס וועט געוויסליך דעקן זיינע אלע חודש'ליכע הוצאות מיט א שמיץ אריבער, אבער ס'קומט מיט א תנאי אז ער דארף זיך איינהאנדלען אן אומגעוואונטשענע 'כשר'ע' סעלפאון; און פון די אנדער זייט האט ער א פארשלאג וואס דער געהאלט איז ווייט פון די פריערדיגע אבער ס'קומט נישט מיט קיין געברויך צו נוצן די סארט כלים.

דער נסיון איז שווער, און ווי א איד וועט ער עס ביישטיין מיט מסירות נפש, אבער א איד וואס האט איינגענומען די אור פון חנוכה אין זיין נפש, און ער ווייסט וואס אור הגנוז מיינט, האט אינגאנצן אן אנדערע הסתכלות, ער פארשטייט אז סך הכל האט ער יעצט באקומען א ספעציעלע **פערמיט** און רשות פון אויבערשטן וואס פטר'ט אים פון זיך פירן לויט די שפיל פארשריפטן פון טבע, דער אויבערשטער **געבט אים יעצט ערלויבעניש** צו לעבן אינגאנצן מיטן אמת פון די בריאה און זיך בפועל פירן למעלה מן הטבע, אויך ווען ער האט נישט קיין אויסוועג על פי טבע וויאזוי צו ציען חיונה על פי טבע, מעג ער יעצט לעבן מיטן אמת'דיגן אמת אז טבע זאגט גארנישט, און השי"ת אליינס איז "עשה ועושה ויעשה לכל המעשים".

## פונקען / קורצע יסודות פון תלמידי הבעש"ט זי"ע

# 'זאת חנוכה' איז אין די זעלבע בחינה ווי 'שמיני עצרת'

הרה"ק ה'בית אהרן' זי"ע



# א אמת'ע ישועה

יענקל שטייט שטארק פארטראכט אינדרויסן פון היכל הכולל, זיינע פינגערס דרייען די עקן פון זיין גארטל וואס נעמט ארום זיין געשטייפטן קאפטן. ער איז געווען זייער פארצווייפלט.

פון איין זייט, ס'איז שוין א שיינע פאר וואכן וואס ער ווארט אויף די ישועה. אבער פון די אנדערע זייט, די ווארשיינליכע ישועה וואס שטייט אויף זיין שוועל, איז נישט די געניוע 'ישועה' וואס ער האט ערווארטעט...

ער ענטפערט אריין אינעם טרייבל, אויפן פובליק טעלעפאן: "כ'דארף עס איבערטראכטן, רוף מיר צוריק אביסל שפעטער", און ער גייט צוריק אריין אין היכל הכולל.

ווי נאר יענקל איז צוריק פון זיין שמועס, זיין געזיכט שטארק פאר'ספק'ט, האט ר' ישעי' פארשטאנען אז ער דארף אונטערלייגן א פלייצע פאר זיין גוטן חבר.

"יענקל, דאגה בלב איש ישיחנה לאחרים", ווענדט ער זיך צו אים, "אפשר קענסטו מיר זאגן פארוואס ביסטו אזוי פארצווייפלט? וואס באדערט דיר?"

"ווייסט דאך", ענטפערט יענקל, "כ'האב אויסגעשטעלט מיין דירה צו פארקויפן אפאר וואכן צוריק. ס'איז שוין א לענגערע צייט וואס איך זוך א קונה, כ'האב זיך שוין געוואנדן צו אפאר מעקלערס, אבער דערווייל איז קיינער נישט צוריקגעקומען מיט קיין גוטע פארשלאג.

"יעצט האט מיר אנגערופן א מעקלער און געמאלדן אז ער האט געטראפן א קונה, ס'איז דא איינער וואס איז פאראינטערעסירט אפצוקויפן מיין דירה".

"נו, וואס איז דער פראבלעם?" פארקנייטשט ר' ישעי' זיין שטערן.

"דער פראבלעם איז אז די משפחה וואס וויל אפקויפן די דירה איז נישט אזוי צוגעפאסט צו די סטאנדארט פון אונזער געגנט. פארשטייט זיך אז מ'רעדט דא פון אידן שומרי תורה ומצוות, אבער פארט נישט אזעלכע וואס מיר ווילן אלס אונזערע שכנים. און כ'ווייס נישט וואס צו ענטפערן פארן מעקלער; זאל איך מיטגיין מיטן געשעפט אדער ווארטן ביז ס'קומט אונטער א פרישער קונה?"

"אהא", שטימט ר' ישעי' צו, "טאקע א שווערע שאלה. אבער געלויבט דעם אויבערשטן, מיר האבן זוכה געווען צו זיין חסידים, אזוי אז אזעלכע שאלות דארפן ווערן געפרעגט פאר א צדיק. יענקל, גיי אריין צום רבי'ן און פרעג דיין שאלה".

יענקל איז אריין לקודש פנימה, און מיט א חרדת קודש האט ער פארגעלייגט זיין ספק פארן רבי'ן דער בעל דברי אמונה זי"ע.

דער רבי האט אים געענטפערט מיט זיין זיסע שפראך:

"דער 'חובות הלבבות' רעדט שוין וועגן דיין שאלה, ער ברענגט שוין א משל, פון א מענטש וואס איז געגאנגען אין א וויסטע מדבר ווי ס'איז נישט געווען קיין טראפ וואסער, און ער איז געווען זייער דארשטיג. אויפאמאל האט ער דערזען א טייכל געזאלצענע וואסער געמישט מיט מאראסט, אבער דער מענטש, זייענדיג שרעקליך אויסגעדארשט, האט זיך אראפגעבויגן און געזויגן די ביטערע וואסער.

"אבער ווען דער מענטש וואלט געהאט שכל, וואלט ער געמאכט א פשוט'ע חשבון: וויאזוי קומט א טייכל וואסער אינמיטן א וויסטע מדבר? ס'מוז זיין אז נישט ווייט איז דא א קוואל מיט לויטערע וואסער, און די פארשמוצטע וואסער וואס כ'זעה דא קומט סך הכל פון יענע קוואל-וואסער. אנשטאט זיך דערקוויקן מיט שמוציגע וואסער, וואלט ער געדארפט נאכפאלגן פון וואו דאס וואסער קוועלט, ביז ער וואלט אפירגעטראפן דעם קוואל אליינס און געשטילט זיין דארשט מיט זיסע, לויטערע וואסער.

"און דער נמשל איז פשוט", האט דער רבי פארגעזעצט, "צומאל זעט אויס פאר א מענטש אז ער קען זיך ארויסזען פון א געוויסע שוועריגקייט דורך אן איינגערעדטע ישועה, א ישועה וואס איז נישט אזוי ריין און גלאטיג... אבער ער פארשטייט נישט אז אויב ס'איז נגזר געווארן א ישועה פאר אים, דעמאלטס וועט די ישועה נאר קענען קומען דורכ'ן אויבערשטן אליינס.

"דעריבער, אנשטאט זיך צוכאפן צו צווייפלהאפיגע 'ישועות', וואלט ער געדארפט נאך אביסל ווארטן און דערביי זען דעם ישועת ה', מיטן גאנצן גלאנץ און קלארקייט".

דער רבי האט זיך געוואנדן צו יענקל, "די זעלבע איז ווען ס'קומט צו דיין שאלה; זעסט דאך אז ס'איז געקומען א קונה, ווי ס'שיינט געפונט זיך די ישועה אונטערוועגנס. ווארט נאר צו נאך אביסל, און ענדע וועט אנקומען אן ערליכער, אויסגעהאלטענער קונה".

"און אזוי איז טאקע געווען", האט רבי יענקל שפעטער דערציילט, "נאך אפאר וואכן האט זיך געוואנדן צו מיר א יונגערמאן, ווי מ'זאגט 'מאנשי שלומינו', און געוואלט אפקויפן די הויז וואס כ'האב ארויסגעשטעלט צו פארקויפן. און ווייסטו וואס? ער האט עס אפגעקויפט פאר אסאך א גרעסערע פרייז ווי דער ערשטער קונה האט פארגעשלאגן!

"אבער דער עיקר וואס כ'האב פארדינט, איז געווען א לימוד אין הלכות 'בטחון'..."

האט ער אויסגעפירט מיט א שמייכל, "כ'האב באקומען א קלארקייט אין אמונה, אז למעשה, דער אויבערשטער איז דער וואס שיקט די קונים, און ס'האט נישט קיין שום שייכות מיט אונזער השתדלות".

# שבת חנוכה

## וואס איז די ספעציעלע מעלה פון שבת חנוכה, וואס האט עס מער ווי יעדע געווענליכע שבת?

### שאלה:

כ׳האב געוואלט פרעגן וואס איז די גרויסע ׳קאך׳ אין שבת חנוכה, וואס צדיקים האבן אזוי שטארק מפליג געווען דערין, און עס כמעט געמאכט אלס א יום טוב פאר זיך?

### תשובה:

דער ענין אין קורצן איז, אז אין יעדן שבת זענען דא נידריגע נשמות וואס זענען נישט זוכה זיך צו מתחבר זיין צו די אור פון שבת צוליב איר מורא׳דיגע הויכקייט. אבער אום שבת חנוכה, וויבאלד מ׳איז שוין זוכה געווען זיך צו מתחבר זיין צום אור פון די נרות חנוכה וואס קומט אראפ למטה מעשרה טפחים, איז מען דורכדעם זוכה צו נתעלה ווערן און זיך מתחבר זיין צו די הויכע אור פון שבת. און דעריבער איז עס א זמן מסוגל פאר יעדן איד, זיך צו מתחבר זיין צום אור פון שבת קודש.

און יעצט אביסל ברייטער ערקלערט בע״ה:

## צוויי סארט הנהגות הבורא - גילוי און הסתר

עס זענען דא צוויי הנהגות וויאזוי השי״ת פירט די וועלט. ס׳איז דא א הנהגה פון **גילוי**, און ס׳איז דא א הנהגה פון **הסתר**.

**די הנהגה פון גילוי איז**, ווען מ׳זעט מיט די פליישיגע אויגן ווי השי״ת איז דער איינציגער, אמת׳ער מציאות. ס׳איז נישטא קיין נאטורליכע מציאות, אלע נבראים און עולמות האבן נישט קיין שום אייגענע כח און מציאות, אלעס איז נאר בהשגחת ה׳ וואס טוט באשליסן וויפיל און ווען צו געבן אדער אוועקנעמען. ׳דרך הטבע׳ האט נישט קיין שום משמעות, וויבאלד אלעס איז נאר חיות השי״ת, און פון די בחינה איז נישטא קיין שום חילוק צווישן א נס מיט טבע. אלעס איז גלייך. אין עוד מלבדו. **און דער מקור פון די הנהגה איז פון גילוי שם הוי״ה ב״ה.**

אבער דערונטער איז אויך דא א הנהגה פון הסתר. און מצד די הנהגה וויל דער אויבערשטער אז ס׳זאל זיין טבע און הסתר, און ער אליינס איז מהווה און ער וויל דעם ׳דרך הטבע׳. וואס דאס איז אויך א געטליכע הנהגה. ווייל אויך אין די הנהגה איז קלאר אז אין יעדע קלענסטע תנועה איז דא דער אלופו של עולם, נאר ס׳איז נישט אויף אן אופן אז טבע האט נישט קיין משמעות, נאר פארקערט, דער אויבערשטער איז מחיה ומהווה בתוך די טבע זעלבסט. און דער מקור פון די הנהגה איז פון גילוי שם ׳אלקי״ם׳, וואס באטרעפט ׳הטבע׳.

## א מענטש דארף זיך פירן לויט הנהגת ה׳

די הנהגה פון א מענטש דארף שטימען מיט די הנהגת הבורא. דאס מיינט, ווען ס׳איז דא א **הנהגה פון גילוי**, דארף זיך דער מענטש אזוי פירן, ער קען זיך נישט באשעפטיגן מיטן טבע און אירע כללים, ווייל ס׳האט נישט קיין שום אייגענע ווערד. וואספארא זין האט עס אז א מענטש זאל זיך אריינלייגן אין טבע, בשעת ס׳איז ניטאמאל דא טבע?! דאקעגן איז דא **א הנהגה פון הסתר**, און דער אויבערשטער איז מחיה די טבע. דעמאלטס פאדערט זיך פונעם מענטש זיך צו פירן מיט די דרכי הטבע, און דארט אין טבע געדענקען אז באמת איז אויך דא אלעס חיות אלקית.

דאס איז ספעציעל נוגע לגבי שבת קודש, ווען דער אויבערשטער איז זיך מתגלה מיט א הנהגה פון גילוי. דעמאלטס דארף דער מענטש ׳שובת זיין ממלאכה׳, די עשייה גשמית מצד דעם מענטש האט דאן נישט קיין שום משמעות, היות ס׳איז נתגלה געווארן אז ׳אין עוד מלבדו אפס זולתו׳. דער מענטש דארף זיך נאר מדבק זיין אין אור ה׳ וואס איז מאיר די גאנצע בריאה, אן קיין שום פעולה טבעית.

ווידעראום אין די ששת ימי המעשה, ימות החול, איז דא א הנהגה פון הסתר, אזויווי ס׳שטייט ״בראשית ברא אלקי״ם״, דעמאלטס ווערט געפאדערט פונעם מענטש ארויסצוגיין צו די ארבעט און טון די נויטיגע השתדלות, און טאקע דארט געדענקען אז אור ה׳ איז ממלא די גאנצע וועלט. און נאכאמאל, ווען ס׳איז ׳בא שבת בא מנוחה׳, און אום שבת ווערט דער מענטש נתעלה צו א דרגה העכער טבע, אזויווי ס׳שטייט ״ויכל אלקים״ וואס מיינט אז ס׳ענדיגט זיך די הנהגה דורכן שם אלקי״ם, און ווידעראמאל איז מען זוכה צו די הנהגה פון שם הוי״ה, וואס איז העכער יעדע טבע.

## חנוכה דווקא אינדערוואכן

יעצט קומען מיר אן צו די עבודה פון חנוכה, וואס איז אן אור וואס שיינט אויך אינמיטן די ימות החול.

שבת און חנוכה זענען צוויי פאסיגע זמנים ווען א איד איז זוכה צו מכיר זיין יחוד ה׳. אבער אין די צייט וואס שבת לייכט יחוד ה׳ מיט די הנהגה פון שם הוי׳, ווי אלעס איז אלקותו ית׳ און אין עוד מלבדו, אבער אין חנוכה לייכט אן אנדערע הארה, א הארה פון הנהגת שם אלקי״ם, וואס דערלייכט א גילוי אז אויך אין טבע מיט אלע אירע פרטים איז דא חיות אלקית, השגחת ה׳, און דאס געבט דעם כח פאר אלעס.

שבת ווערט דער הסתר אינגאנצן בטל, דער מענטש איז מגלה אורו ית׳ וואס שיינט איבער אלעס. חנוכה אבער ווערט נישט דער הסתר אויס, נאר ס׳ווערט אליינס נתקדש. ווייל ס׳ווערט נתגלה אז אויך אין די ימות החול, אין חושך, ביינאכט, אין רשות הרבים, אונטער עשרה טפחים - איז דא אור, און אלעס איז חיות אלקית און השגחת ה׳.

דעריבער איז חנוכה א יום טוב אינדערוואכן, וויבאלד די ימות החול לייכטן אויף.

## צוויי הנהגות אין נפש האדם

ביז יעצט האבן מיר גערעדט פון צוויי סארט הנהגות, אין בחינת **זמן**. ס׳איז דא א זמן פון גילוי און א זמן פון הסתר, ווי גערעדט. אבער ס׳איז אזוי נישט נאר לגבי זמן, נאר אויך אין בחינת **נפש**. יעדער מענטש איז כולל אין זיך דיביידע מיני הנהגות, נשמה און גוף. מצד די נשמה - איז מען כל כולו דבוק אינעם אמת פון השי״ת וואס איז למעלה פון יעדע טבע, און מצד דעם גוף - איז ער א טייל פון עולם הטבע, וואס איז אויך בלויז חיות אלקית אבער בהסתרה.

און וויבאלד יעדער מענטש איז כולל אין זיך די צוויי הנהגות, ווענדט זיך יעצט אין אים וועלכע הנהגה ער איז משליט אין זיך: אויב זיין נשמה וועט אים פירן און זי וועט געוועלטיגן אויף זיין גוף, אדער זיין גוף וועט שולט זיין אויף אים און זיין נשמה וועט זיין בהסתרה. עס זענען דא אידן וואס נאך אלעס, וויבאלד זיי זענען טרוד אין ענייני עולם הזה, האבן נאכנישט זוכה געווען אז זייער נשמה זאל זיין בגילוי און זי זאל זיי פירן, און דערפאר איז זייער השגה אין יחוד ה׳ היבש נידריג, זייער הארץ איז פארשטאפט און פארטונקלט.

און דעריבער ווען ס׳קומט שבת קודש, ׳יומא דנשמתא׳, ווען מיר זענען זוכה צו א הארת הנשמה - א הנהגת הגילוי פון אין עוד מלבדו יתברך, איז נאר איינער וואס לעבט א חיי נשמה קען ריכטיג באלעבן די הנהגת הגילוי. דאקעגן איינער וואס זיין גוף איז שולט אויף זיין נשמה, דעמאלטס קען די נשמה נישט שיינען אין שבת, וויבאלד ס׳איז א הנהגת הנשמה און נישט קיין הנהגת הגוף (און כאטש אפילו דער שוואכסטער איד באקומט א נשמה יתירה, מיט דעם אלעם קען ער עס נישט ריכטיג ארויסברענגען בגילוי און ס׳דריקט זיך נישט אויס אין איר שטערקסטע און ריכטיגסטע אופן).

אבער בימי החנוכה, וואס געהערט צו הנהגת ה׳ בתוך ההסתר, דעמאלטס זענען אויך אזעלכע אידן וואס זייער גוף הערשט נאך אויף זייער נשמה, זוכה צו א הארה יתירה. ווייל פונקט ווי חנוכה דערלייכט אין די ימות החול, אזוי אויך דערלייכט עס די נשמות פון ׳חול׳. און כאטש, בדרך כלל לעבן די סארט אידן אין עולמות הטבע, מיט דעם אלעם ווערט נתגלה א קלארע אמונה פשוטה אז אלעס איז חיות אלקית אויך אין די טבע, און די אידן זענען מגלה זייער שטארקע אמונה אז אויך די גאנצע טבע איז אלעס חיות אלקית.

אין די ספרים הק׳ ווערט עס גע׳דרש׳נט אויף ״פתילות ושמנים שאין מדליקים בהם בשבת - מדליקים בהם בחנוכה״, ווייל חנוכה טוען אויך די סארט נשמות לייכטן, היות די אור געהערט צו די ימות החול. אויך זעט מען עס פון דעם וואס הדלקת נרות איז ״עד שתכלה רגל מן השוק״, און די גמרא פרעגט, וואספארא ׳רגל׳? ענטפערט די גמרא ״רגלי דתרמודאי״ - אותיות ׳מורדת׳, דאס מיינט אויך אזעלכע מענטשן וואס זענען מורדים ח״ו, און זענען אינגאנצן פארזינקען אין ׳שוק׳, חיצוניות, און טבע. אויך אז עס איז מרומז אין דאס וואס חז״ל זאגן ״מפני מה עיניהם של תרמודאין טרוטות מפני שדרין בין החולות״, ווייל זאמד קען זיך נישט צוזאמהאלטן, ס׳איז נישט שייך דארט קיין יחוד און דאס סימבאליזירט די גרעסטע פירוד, אזוי אז אויך די מערסט ׳נפרד׳דיגע׳ מענטשן זענען זוכה אין חנוכה צו לייכטן מיט אור ה׳.

## שבת חנוכה - מ׳הייבט אויף די שבתים

יעצט קענען מיר גוט פארשטיין פארוואס צדיקים האבן אזוי טייער געהאלטן דעם שבת אינמיטן חנוכה, ווייל **א מענטש וואס האט נאך קיינמאל נישט זוכה געווען צום אור פון שבת - קען אין דער שבת ארייגגיין צום אור השבת.** פארוואס? ווייל נאכדעם וואס ער איז שוין אריין צו עולם היחוד אינמיטן די ימות החול, דורך די אור פון די ימי החנוכה - די הנהגה האלקית בהסתר, קען ער זיך שוין דערהייבן אויך אינעם אור השבת - די הנהגה האלקית בגילוי. און דערפאר איז דער סדר אז צוערשט צינדט מען די חנוכה ליכט, כדי זיך צו מתחבר זיין צום גרויסן אור וואס שיינט אין די ימי החול, און נאר דאן צינדט מען די שבת ליכט, כדי זיך צו מתחבר זיין צו די מער העכערע גילוי פון שבת.

און אויב א בן עליה וועט פרעגן: יעדער שבת איז ׳שבת׳ ביי מיר, און ב״ה, איך האב א חיבור צום שבת קודש לויט מיין דרגה, אויב אזוי וואס קען מיר דער כח פון שבת חנוכה צוגעבן?! דער ענטפער דערויף איז פשוט: יעדער איינער האט ערגעץ וואו ער האט צו נתעלה ווערן אין אור השבת, און יעדער האט זיך זיין טונקעלע ווינקל אין נפש וואס איז נאכנישט מסוגל צו לעבן שבת׳דיג, און טאקע צוליב די אויבנדערמאנטע סיבה - וויבאלד דער גוף האט נאך דארט א שליטה.

אבער אין די ימי החנוכה, ווען שוין אינמיטן וואך האט מען זוכה געווען צו דערלייכטן דעם גוף און זיינע אלע טונקלקייטן, דעריבער ווען ס׳קומט שבת קען מען זיך דערהייבן און אויך אין די מקומות לעבן שבת׳דיג - דאס מיינט יחוד ה׳ בגילוי, זען ווי אלעס איז אלקותו יתברך און ס׳איז בכלל נישטא קיין שום חושך און הסתר, אויך אין די ווינקלעך וואו דאס האט ביז היינט נאכנישט אריינגעשיינט.

**א לעכטיגן שבת חנוכה!**

צו באקומען ביזן שטוב דעם חודש׳ליכן קונטרס
הסדר היומי בספרי חסידות
יעצט! פאר האלב פרייז די ערשטע צוויי חדשים
זיך צו איינשרייבן 848.243.1624

אידישער הערצער ווארטן אויף אביסל ליכטיגקייט אין עבודת השי״ת, אבער מ׳ווארט אויף אייער שותפות
צו מנדב זיין א מאמר/אפטיילונג, אדער הפצה ביי אייך אין ביהמ״ד, אזוי אויך אויף אלע פרטים איבערן גליון
רופט אין מאנסי: 347.452.3118 אין וויליאמסבורג: 347.768.3577 אין לעקוואיד: 845.274.4847
אימעיל DD0722531385@gmail.com | תורם צו זיין אויטאמאטיש: 347-428-6483